UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
“Di Andershkayt Fun Amerikanem Yidntum”, “Der Shaliekh Fun Oves Land”/ “The Distinction of American Jewry”, “The Messenger From the Ancestral Land”

## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/43b1x6zn

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

## Author
Zalman Shlosser, Zalmen Shloser/

## Publication Date
1981

## Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

איז אויך מיט ישעיה בערלינס טעאָריע אויף וועלכע גוטמאַן פאַררופט זיך. אָבער נאָך וויכטיקער און פּראַקטישער איז דער נייער געזעץ וועגן עטנישע מינאָריטעטן וואָס דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט אין 1972 אָנגענומען אין איינקלאַנג מיטן נייעם גייסטיקן קלימאַט וואָס הערשט איצט אין לאַנד. דער געזעץ דערקלערט צום ערשטן מאָל, אַז עטנישקייט איז אַ קאָנסטרוקטיווער כּוח אין אונדזער אַמע־ריקאַנער געזעלשאַפט. אין דעם שמעלץ־טאָפּ געדאַנק האָט מען אַזוי ווי פאַרגעסן. לעבן אין צוויי קולטורן, נעמט מען אָן, איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. און דאָס איז אויך חל פאַרן יידישן קיבוץ, ווי מיר זעען דאָס אין דעם דראַנג צו בויען יידי־שע טאָג־שולן און אין דעם וואַקסנדן אינטערעס ביי דער יוגנט צו יידישע קול־טור־ווערטן.

נישט קוקנדיק אויף די אַסימילירנדיקע פאַקטאָרן וואָס ווירקן דאָ זייער שטאַרק, וועלן יידן דאָך בלייבן אַ באַזונדערע עטנישע גרופּע, ווייל יידישע באַזונדער־קייט איז אַ צענטראַלע טענדענץ אין דער סטרוקטור פון דער אַמעריקאַנער געזעל־שאַפט. דער יידישער קיבוץ האַלט נאָך נישט ביים אויפלייזן זיך אין דער אַמע־ריקאַנער קולטור. אונדזער עיקר פּראָ־בלעם באַשטייט אין דער קוואַליטעט פון דער אַמעריקאַנער יידישער אַנדערשקייט; ווי גרויס און ווי וואָגיק זאָל זיין דער יידישער באַשטאַנד־טייל אין דעם בי־קולטוריזם. ס'איז קלאָר, אַז וואָס ווייני־קער שעפעריש דער יידישער קאָלעקטיוו וועט זיין אַלץ ווייניקער צוציענדיק וועט ער זיין פאַר דער יוגנט. וואָרעם אָן אמונה, אָן אַן אייגענער שפּראַך, אָן אַן אייגע־נער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין וועט דער קאָלעקטיוו אַראָפּזינקען צו גייסטיקער סטאַגנאַציע.

סתּם קיום איז נישט גענוג. יידישער קיום מוז מאָטיווירט ווערן דורך אַ ציל, אַ שליחות. דעריבער מוזן מיר פאַרגרע־סערן דעם יידישן אינהאַלט אין דער שות־פות מיט דער אַמעריקאַנער קולטור, אין דער צוויי־קולטורישקייט. ס'איז ווי אַן אַרויסרוף פון דער אַמעריקאַנער קולטור פאַר יידישער שעפערישקייט. מען דער־וואַרט דאָס פון דעם שטענדיק שעפערישן יידישן קיבוץ.

## II

# „דער שליח פון אָבות־לאַנד"

(קינסטלערישער ראָמאַן, איבער 500 זייטן, פון ל. טרייסטער, 1981)

די פלוצימדיקע פּטירה פון דעם טאַלאַנ־טירטן און שעפערישן נאָוועליסט לייזער טרייסטער איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער יידישער ליטעראַטור. זיינע שיין־געשריבענע און אינהאַלט־רייכע דערציי־לונגען, וואָס פלעגן זיך דרוקן אין חשבון; זיינע לענגערע נאָוועלעס און ראָמאַנען, וואָס פלעגן זיך דרוקן אין צייטונגען און זשורנאַלן צעשפּרייט איבער אַלע קאָנטי־נענטן; זיינע עסייען און דראַמעס — אַלע רייך און פאַרשידנאַרטיק אין טעמאַטיק און אין שילדערונג, וועלן איצט פעלן דעם יידישן לייענער. זיין צאַרטער, אָפּ־טימיסטישער בליק, וואָס האָט באַלויכטן זיינע געשטאַלטן און דראַמאַטישע סיטו־אַציעס, וועלן אונדז נאָך לאַנג, לאַנג נאָכ־גיין.

זיין רעאַליסטיש קינסטלערישער ראָ־מאַן „דער שליח פון אָבות־לאַנד" איז דערשינען קורץ פאַר זיין פּטירה, אַזוי אַז ער האָט מסתּמא שוין נישט געקענט גע־ניסן פון דעם וואַרעמען אָפּרוף. אין „אַ וואָרט צום לייענער", מיט וואָס ער האָט פאַרענדיקט זיין לעצט געדרוקטן בוך (נאָך נישט געדרוקטע ביכער האָט ער איבערגעלאָזט אַרום צען), דריקט טרייס־טער אויס זיין האָפענונג, אַז דער לייענער וועט זען אין זיין שילדערונג אַן אויסגע־פעלט־בייטיקן טייל פאַרן קאַליידאָסקאָפּיש יידישן לעבן אין אַמעריקע. ער האָט זיך געפילט, זאָגט ער, מאָראַליש געצוווּנגען אויך צו געבן אַ בילד פון די אויסגעלאָזטע שכנים זיינע, די אַלערליי פרומע יידן און זייער אינערלעכע וועלט. דאָס הייסט,

מאָראַליש געצוווּנגען — ווייל אין זיין פריערדיקן בוך „ביי די טייכן פון ניו־יאָרק" האָט ער די אַנדערע יידן, די ראַדיקאַל־וועלטלעכע, שוין געגעבן זייער בילד — דאָס בילד פון זייער אָפטימיסטישער וויזיע פון אַ שיינעם עטישן מאָרגן און לסוף אויך זייער ביטערע אַנטוישונג: אַ בילד פון טיפע פסיכאָלאָגישע ענדערונגען.

מען קען זען, אַז עס רעדט דאָ אַרויס די התחייבות פון דעם באַרופענעם קינסטלער צו זיין ערלעך און אָביעקטיוו כדי דאָס בילד פון דעם גאַנצן יידישן ישוב זאָל בלייבן גאַנץ און אמת. אָט די שטרעבונג צו קינסטלערישער שלימות איז נאָך מער בולט אין „דער שליח פון אָבות־לאַנד". שוין אין זיין „ביי די טייכן פון ניו־יאָרק" זעט מען זיין גרויס באַגער צו געפינען אין היגן יידישן לעבן ערלעכע און פאַרוואָרצלטע יידישע געשטאַלטן, וואָס זאָלן האָבן אין זיך דעם גייסטיקן כוח זיך קעגן צו שטעלן די סטיכישע נעגאַטיווע טענדענצן, וואָס דאָס רויע טאָג־טעגלעכע שטעלט צו און גיט דעם מענטש די ברירה זיך צו לאָזן באַצווינגען אָדער זיך ווערן און גובר זיין דאָס רויע טאָג־טעגלעכע. אין יענעם בוך האָט טרייסטער זיך פאַרמאָסטן צו געפינען געשטאַלטן וואָס לאָזן זיך טאַקע נישט באַצווינגען פון די רויע עלעמענטן. דאָס זיינען די געשטאַלטן פון דעם וואַרשעווער רב ר' הורוויץ, זיין זון און די טאָכטער הילדע, וואָס אין אָנהייב זיינען זיי טאַקע יאָ געווען באַהערשט פון די נעגאַטיווע טענדענצן אָבער סוף כל סוף, פול מיט גייסטיקע כוחות, באַצווינגען זיי די הערשנדיקע סטיכיעס. הילדע רעוואָלטירט. זי זעט אין דעם פאַלשן וועג און זי ווערט אַקטיוו אין יידישן לעבן. היטלער האָט דאַן אָנגעהויבן זיין קאַמף קעגן יידן. פאָרט הילדע אַוועק קיין דייטשלאַנד העלפן יידן אויסצוואַנדערן פון נייעם גיהנום. זי געפינט אַ זין אין איר שליחות.

אויך אין דעם איצטיקן בוך געפינט טרייסטער אין אַמעריקאַנעם יידישן לעבן ערלעכע, פאָזיטיווע און קאָלירפולע געשטאַלטן: טעמערל; דער קיזשעווער רבי; ר' צלאל, דער ערלעכער, קלוגער און פשוטער יידישער געשעפטסמאַן מיטן ציגאַר אין מויל; דער אַליין־זיכערער, פאַנאַטיש פאַרעקשנטער און דיקטאַטאָרישער מאַדיאַרער רבי, דער אַנטאַגאָניסט פון דער דראַמע, וואָס איז גומר קאָנפליקטן אַבי ער זאָל אויספירן זיינס. און עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע אינטערעסאַנטע מענטשן, וואָס ווערן געשילדערט מיט פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט, און זיינען ניי אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור.

די גאַנצע טעמאַטיק איז דאָ אַ נייע, אַ היינט־צייטיקע און אַמעריקאַנישע. דניאל ניילענדער, דער „שליח" אַליין, איז אַ ניי געשטאַלט אין אונדזער ליטעראַטור — אַ חסידישער יונגערמאַן, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין פייער פון חורבן, געלערנט אין ישיבות און אין אוניווערסיטעט פון פאַריז, אַ שרייבער אויף יידיש, העברעיש און פראַנצויזיש, קומט פון ישראל אַגיטירן צווישן פרומע צו העלפן ישראל.

עס איז דאָס פאַטאַלע יאָר 1973, פאַר דער יום־כיפור מלחמה. ברוקלין איז דאַן שוין געווען אַ פעסטונג פון אַמעריקאַנער פרומער יידישקייט. שילדערט טרייסטער אָט די פרומע וועלט פון ברוקלין; „ברוקלי״ן" ווי אַ סימבאָל פון דער פרומער וועלט, וואָס האָט זיך אין אונדזער צייט אַזוי רחבותדיק צעבליט, אַרויסגעשטויסן די פריערדיקע ראַדיקאַלן און געוואָרן אַ באַדייטדיקער כוח אין יידישן לעבן, נישט נאָר אין ניו־יאָרק נאָר אויך אין פיל אַנדערע שטעט. לייזער טרייסטער איז דער ערשטער יידישער נאָוועליסט קינסטלעריש צו שילדערן אויף אַ ברייטער רעאַליסטישער קאַנווע דאָס אַלטמאָדיש פרום יידיש לעבן אין אַ נייער פאַרזיכיקער סביבה אין אַמעריקע „וווּ אַלץ איז מעגלעך"; אַ סביבה ווי אונדזער פריינד אַברהם גאָלאָמב טענהט שוין פון יאָרן און יאָרן, ווי די איינציקע רעטונג פאַר וועלטלעכער יידישקייט.

יאָ, ס'איז באַקאַנט אַז חיים פאָטאָק האָט אויך געשילדערט די יידישע וועלט אין ברוקלין. ער האָט אָבער געשריבן אין ענגליש און האָט זיך באַטראַכט דעריבער ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון אַמעריקאַנער ליטעראַטור־שטראָם. מיט דער יידישער ליטעראַטור האָט עס קיין שום שיי־

כות, נישט אין אינהאַלט און נישט אין
פאָרם.

* * * * *

לייזער טרייסטער שילדערט
ווי אַזוי ברוקלין איז געוואָרן די פעסטונג
פון פרומער יידישקייט; דעם דראַנג פון
שוואַרצע און פאַרטאַריקאַנער זיך דאָרט
צו באַזעצן, ווי רייכע יידן האָבן זיך איבער-
געצויגן אין נייע געגנטן, ווי דער ריעל-
עסטייט ווערט פון די געביידעס האָט גע-
נומען פאַלן, ווי די פאַרבליבענע יידן האָבן
באַשלאָסן צו באַקעמפן די אויסוואַנדע-
רונג און אָפּצושטעלן די בהלה. עס איז
געקומען צו בלוטיקע געשלעגן און לסוף
האָבן די פרומע געוווּנען. זייענדיק אַ
מערהייט האָבן די פרומע איינגעפירט, אַז
דאָס לעבן זאָל דאָ זיין טראַדיציאָנעל
יידיש אויף אַלע אופנים. שבת איז שבת,
יום-טוב זאָל זיין יום-טוב. אַלע געשעפטן
פאַרמאַכט. חסידישע יידן פוצן זיך אויס
אין זייערע שטריימלען, אַטלעסענע קאַ-
פאָטעס, גייען אין שול ווען מען דאַרף;
יידיש לשון ווערט אומעטום גערעדט.
שבת נאָך מיטאָג לאָזט זיך די יוגנט אַרויס
אויף שפּאַציר און מען מאַכט זיך מונטער
און פריילעך. מען פילט דאָ דעם שטאַרקן
פולס פון יידישקייט.

ברוקלין איז רייך אין חסידישע דינאַס-
טיעס. אין בוך ווערן געשילדערט בלויז
צוויי: די מאַדיאַרער (אונגאַרישע) און די
קיזשעווער. דער מאַדיאַרער רבי איז פון
די לעבן-געבליבענע און שפּעט-געקומענע
יידן פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן. דער
קיזשעווער רבי איז פון די פאַר-מלחמה
געקומענע. ער זעט זיך אָבער ווייניג אָן
ווי אַ פירנדיקער גייסט אין דער וועלט.
דערפאַר אָבער זעט זיך אָן זיין געטרייער
און שטילער חסיד ר' צלאל. ער איז אַ
קלוגער און פּראַקטישער ייד. דער נוסח
יידישקייט איז ביי ביידע רביים דער זעל-
בער. די אַנדערשקייט איז בלויז אין זיי-
ער באַציונג צום ציוניזם. די מאַדיאַרער
גלייבן אַז מיט שיבת-ציון דאַרף מען
וואַרטן אויפן גואל, ווען גאָט וועט געבן
אַ צייכן און משיח וועט זיך באַווייזן. די
קיזשעווער האַלטן אָבער אַז גאָט האָט
שוין געגעבן זיין צייכן — דער חורבן אין
אוישוויץ און אין די אַנדערע קאַלך-
אויוונס. ס'איז שוין צייט יידן זאָלן זיך
צוריקקערן אין לאַנד פון די אָבות.

דער סיפור המעשה און די גאַנצע האַנד-
לונג דרייען זיך אַרום אַ פאַרשאַרפטן
קאַמף צווישן אָט די צוויי ריכטונגען גע-
פלאָכטן צוזאַמען מיט אַ ליבע אין וועלכע
ביידע צדדים ווערן אַריינגעצויגן און וואָס
ענדיקט זיך טראַגיש.

די קאָנסטרוקציע פון דעם ראָמאַן איז
אפשר צו אויסגעצויגן און קאָמפּליצירט
פאַר דעם איינפאַכן אינהאַלט: אַן אידילישע
פרומע ליבע אין מיטן פון אַ רעליגיעז-
אידעאָלאָגישן פאַרטיי-קאַמף צווישן אַ
פאַנאַטישער רעלאַטיוו קליינער גרופּע
און אַ פאָלק, וואָס וויל צוריקקומען צו
אירע פאַרלאָרענע כוחות נאָך אַ גרויסן
נאַציאָנאַלן חורבן.

קינסטלעריש צו מאָלן אַזאַ פאַרמעסט
איז מסתמא זייער שווער, ווייל צוליב
דעם פאַרפלאָנטערטן ראָמאַן און סאָציאָ-
לאָגישן הינטערגרונט פאָדערט זיך מער
שילדערונג און גלייכצייטיק אויך אַ סך
זשורנאַליסטישן רעפּאָרטאַזש, ווי למשל,
דער עטנישער קאַמף אין ברוקלין צו-
ערשט צווישן די „פרייע" יידן און די
חסידים צוליב דער הלבשה און אויפפיר;
נאָך דעם צווישן די חסידים און שוואַרצע
און פאַרטאַריקאַנער; און די שטענדיקע
דעמאָנסטראַציעס פון שונאי-ציון קעגן די
ציוניסטן. אָט דער רעפּאָרטאַזש איז טאָ-
קע וויכטיק און אַ קענטיקער טייל אין
אַנדערע היינטיקע ליטעראַטורן אויך.
רעפּאָרטאַזש און פּסיכאָלאָגיע געפּאָרט
מיט קונסט. אין אַזאַ פאַל בלייבט ווייניק
פּלאַץ פאַר קינסטלערישער שילדערונג פון
די פיל קאָלירפולע העלדן. דאָך געלינגט
אים דאָ און דאָרט צו פאַרבייטן דעם רע-
פּאָרטאַזש מיט קינסטלערישער שילדע-
רונג. מיר זעען דאָס ווען בת-שבע, דעם
מאַדיאַרערס שוועסטער, אימפּראָוויזירט
פאַר אַ גרופּע פרויען אין איר ריעל-עס-
טייט אָפיס אַ סצענע ווי אַזוי די „פרייע"
יידן, וואָס בעטן צופיל געלט פאַר זייערע
הייזער, קומען נאָך דעם צו איר אין אָפיס
און בעטן זיך זי זאָל ביי זיי קויפן די זעל-
בע הייזער פאַר אַ העלפט געלט.

אָט די קורצע אימפּראָוויזאַציע איז פול
מיט גוטן הומאָר. בת-שבע ווערט דאָ
געשילדערט איידל און מיט אַ סך טאַלאַנט.
זי איז זייער פרום, אָבער אויך אַ וועל-

טישע פרוי, וואָס טויג זיך אויס אין געשעפט, ווייסט ווי צו דערציילן אַ וויץ, פאַרטייטשן אַ פסוק און אויך ווי זיך צו פוצן מיט פיינעם געשמאַק, ווי עס פאַסט פאַר אַ פאַרמעגלעכער בלעבאָסטע. זי פרלירט זיך נישט אונטער דרוק און איז זעלבסטשטענדיק אין איר טראַכטן. זי וויל נאָך געניסן פון לעבן הגם זי איז אַן אַלמנה מיט אַ טאָכטער וואָס שטייט אין שידוכים און איר ברודער, דעם רבין, געפעלן נישט די חתנים.

צו שילדערן דעם מאַדיאַרער רבין, וואָס איז געווען באַרימט ווי דער סאַטמאַרער רבי, פאָדערט זיך אַ סך פסיכאָלאָגיע, ווייל ער איז געווען אַן אומרואיקע קאָנטראָווערסאַלע פערזענלעכקייט — אַ פאַנאַטיש בייזער ייד, שטאַרק אויטאָקראַטיש און נישט געקענט פאַרטראָגן אַן אַנדערנס מיינונג. דאָך ווען מען זוכט שטאַרק קען מען אויך געפינען סמנים פון קלאָרן דענקען, פון וויסן גענוי וואָס ער וויל, אָפט אויך פון גוטהאַרציקייט און פון טראָגן די שווערע לאַסט פון רבייאישע אַחריות. באַלד ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקע און זיינע חסידים האָבן אים באַזעצט אין זיין „הויף" האָט ער פאַרשטאַנען אין וואָס זיינע חסידים נייטיקן זיך — אין פירערשאַפט.

— איר זאָלט זיך נישט פילן שפל ביי זיך — האָט דער רבי איינגעטענהט. — זאָל די נייע סביבה, די אַמעריקאַנישע, נישט איינשרעקן אייך — — —

טייל מאָל פלעגט ער עפענען זיין האַרץ פאַר זיין שוועסטער, זיך באַקלאָגן וואָס ער האָט נישט קיין ממלא מקום, ווען ער וועט נסתלק ווערן. זיין זון, בערישל, איז פון די לאַגערן געבליבן שוואַך אויפן קאָפ. זיין סעקרעטאַר און רעדאַקטאָר פון זיין וואָכן־בלאַט „דאָס יידישע וואָרט", קען ניט שרייבן ווי ס'דאַרף צו זיין, פאַרפלאָנטערט זיך אָפט. ער אַליין ווערט אַלט און ס'איז דאָ אַזוי פיל אַרבעט צו טאָן.

דער מאַדיאַרער רבי איז פול מיט זאָרג און פלענער...

דאָך, די צענטראַלע פיגור פון דער קינסטלערישער דערציילונג איז, נאַטירלעך, טעמערל, די פרומע בת־יחידה. די פרומע, שיינע און אינטעליגענטע צוואַנציק יעריקע יתומה האָט שוין אָפגעלאָזט פיר שידוכים — אַלע צוליב איר פעטער, דער מאַדיאַרער רבי. זי ווייסט אַז זי איז שיין. זי איז געווען די בעסטע תלמידה אין דער בית רחל שול און נאָך דעם אויך געענדיקט קאַלעדזש. אירע חברטעס האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט און זי זיצט און וואַרט אויף איר באַשערטן. אָט קומט צו איר עטלעכע מאָל אין טאָג איר חברטע אסתר — נישט אַזאַ שיינע און כשרה טאָכטער — און דערציילט איר אַז זי האָט נושא חן געווען ביים „שליח" וואָס האָט געפראַוועט שבת ביי זיין ברודער, דעם קיזשעווער רבין און זי, טעמערל, האָט אפילו גאָר נישט געהערט פון אים. אסתרס טאַטע האָט שוין גערעדט מיט אַ שדכן וועגן דעם שליח און באַלד וועט מען שרייבן תנאים. אסתר דערציילט איר ווי שיין דער שליח איז און אָט וועט באַלד זיין די חתונה.

טעמערלס האַרץ ווערט אויפגעגעסן פון קינאה, הגם זי ווייסט אַז אַ יידישע טאָכטער טאָר קיינעם נישט מקנא זיין. אָבער טעמערל ווייסט נישט, אַז איר חברטע פלוידערט און חלומט, און אַז ר' צלאל, איר מוטערס שותף האָט שוין פאַרלייגט אַ פלאַן ווי אַזוי צונויפצופירן טעמערלען מיטן שליח. און עס נעמט נישט לאַנג און עפעס געשעט. נישט וויסנדיק די סודות דערזעט טעמערל ווי אַ שיינער מאַן דרייט זיך אַרום דעם אָפיס וווּ זי אַרבעט און אָט קומט ער אַריין מעשה פרעמדער, וואָס זוכט אַ דירה אויף אַ קורצער צייט...

און אסתר, איר בעסטע חברטע, אַ שטאַרק עמאָציאָנעלע און אימפולסיווע מיידל, ווערט צוזאַמענגעבראָכן ווען זי מיינט אַז טעמערל האָט „אויסגעכאַפט" איר חתן. טעמערל האָט האַרץ־ווייעניש און קען נישט אויפהערן טראַכטן אַז זי איז יאָ שולדיק אין אויסכאַפן דעם חתן. ס'איז אַ פסיכאָלאָגיש־קריטישער מאָמענט.

„אַוודאי קען אַ פילפוליסט מיט אַ גרינג האַרץ זאָגן, אַז זי, טעמערל, איז נשמה־ריין — טראַכט טעמערל — זי דאַרף נישט האָבן קיין שולד־געפיל צו אסתרן. האָט זי דען נישט אויפגעציטערט מיט איר גאַנץ געביין, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען דעם הויכן, שיינעם יונגן

מאַן אין דער אָפּענער טיר־ראַם פון אָפּיס״?

וואָס מער זי טראַכט וועגן דעם אַלץ ווייניקער קאָן זי זיך באַטראַכטן פאַר אַ צדקת, נאָך דעם ווי זי איז אויך בסוד־סודות פון אסתרן געלאָפן אים זען און הערן אומעטום ווו ער האָט זיך באַוויזן. ניילענדער טרייסט טעמערלען, אַז דאָ איז קיינער נישט שולדיק חוץ דאָס נאַריש מיידל מיט אירע איינגערעדטע נאַרישקייטן — — — און געקומען איז ער איצט צו זיי אַהיים, ווי ער און טעמערל האָבן זיך פריער אָפּגערעדט: צו רעדן מיט דער מאַמען מכוח אַ חתונה, נאָך דעם ווי ער וועט צוריקקומען פון זיין לעקציע־טור, וואָס זיין פאַרטיי האָט אַראַנזשירט.

טעמערל האָט אויפגעלעבט. זי האָט געפונען איר באַשערטן. מיט פרייד, ווי פון זיך אַליין, איז זי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דניאלס עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און לעקציעס. דורך איר יחוס־פרעסטיזש און אַלגעמיינעם וויסן האָט זי אים יעדעס מאָל אַרויסגעהאָלפן. דורך דעם זיינען זיי זיך נענטער געוואָרן. יעדעס מאָל ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזונדערט האָט זיך די בענקשאַפט פאַרשטאַרקט. זיי האָבן אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן אין שיקאַגאָ מחמת דאָרט האָט זי קרובים וועט זי די עטלעכע טעג קענען זיי ביי זיי און מיט דניאלן ביי די לעקציעס אויך.

אַזוי שנעל ווי דניאל האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף זיין לעקציע־טור האָט טעמערל זיך גענומען גרייטן צו איר רייזע קיין שיקאַגאָ. נאָר איידער וואָס־ווען ברעכט אויס די יום־כיפור מלחמה. ניילענדער ווערט צוריקגערופן אין לאַנד פון די אָבות צו פירן זיין מחנה אין קאַמף מיט די שונאי־ישראל. — — —

ווי דער לייענער קען זיך אָנשטויסן האָב איך דאָ צוגעפירט אַ קליינעם טייל פון די דערמאָנטע פערסאָנאַזשן און פאַסירונגען צו זייער רעאַליסטישן הויךפונקט — די יום־כפור מלחמה. איך האָב נישט באַוויזן אפילו מרמז צו זיין אויף טרייסטערס קינסטלערישן אויפטו אין דעם ראָמאַן, די רייכקייט פון קינסטלערישן און לינגוויסטישן אויסדרוק. זיין שילדערונג פון שבת אין ברוקלין; זיין טיפע פאַרשטענדעניש און צאַרטע שילדערונג פון דער העלדין טעמערל; די צוויי שטאַרק דראַמאַטישע דיאַלאָגן: „דער מדובר״; און „דעם בורא עולמס שבועות״; דער אויפנעם אין דעם פריינד העסקלס הויז — דאָ דערקענט מען דעם מייסטער־דערציילער און מאָלער, דעם פאַרטיפטן נאָוועליסט, וואָס זוכט און געפינט שיינקייט און גרויסקייט אין אַמעריקאַנעם יידישן לעבן.

נוצנדיק דעם שליח דניאל ניילענדער ווי די פּריזמע, דעקט דער מחבר אויף ווייניק־באַקאַנטע ווינקלען און טיפן פון יידישן לעבן. מיר זעען זיי דאָ אין דער עקסטרעמקייט פון קאָנטראָווערסאַלע טעמפּעראַטורן, וואָס מדינת ישראל האָט גורם געווען אין דעם געמיט פון די ווירקנדיקע פערסאָנאַזשן אין דער היגער רעליגיעזער וועלט.

די יום־כיפור מלחמה האָט געטראָפן מדינת ישראל ווי אַ שווערער דונער אין אַ זוניקן זומער־טאָג. עס האָט ממש אויפגעטרייסלט די וועלט און געשטעלט ישראל פאַר אַ קאַטאַסטראָפאַלן נסיון. חרוב איז געוואָרן טעמערלס חלום...

האָט דען דאָס אומגליק מיט דניאלן געמוזט געשען? האָט ער נישט געטאָרט אַרויסקומען פון דעם אַראַבישן פייער אַ ניצול־געוואָרענער, פונקט ווי פון די דייטשישע טויט־לאַגערן און בויען אין דעם אַלט־נייעם יידישן לאַנד זיין אייגענע גליקלעכע היים מיט זיין אויסגעבענקטן זיווג טעמערל?

* * * * *

טעמערל זיצט אין גרויס טרויער. איר וועלט איז אונטערגעגאַנגען. נאָר זי מוז זיין ביי דער לוויה. זי האָט געלאָזט וויסן אַז נאָך היינט פליט זי צו דער לוויה און אַז מענדע האָט שוין געמאַכט פאַר איר אַלע צוגרייטונגען פאַר דער רייזע.

ר׳ צלאל, זייער גוטער פריינד, איז נישט שווה בשווה מיט זיינע טראַכטענישן... ער קוקט אין ספר א י ו ב און וויל פאַרשטיין גאָטס וועגן. אפשר איז דער מאַדיאַרער רבי פאָרט גערעכט? ער קוקט אין ספר און ווייסט אַז איוב איז בלויז אַ משל און קומט נישט צו די הייניטיקע צרות... עס פאַלט אים איין צו פרעגן זיין ווייב צי מענדע, דער וואָס האָט געהאַט געשדכנט זיך צו טעמערלען און

**משה שקליאַר**

# אויפן ראַנד

## מאיר יעלינס אַמאָק-לויפער

איבערגעלייענט מיט גרויס אינטערעס דאָס נייעסטע בוך פון מאיר יעלין: „די מיראַזשן פונעם אַמאָק-לויפער אָסקאַר גריק", אַרויסגעגעבן דורכן ה. לייוויק-פאַרלאַג ביים פאַריין פון יידישע שרייבערס אין ישראל. מאיר יעלין געהערט צו דער גרופּע סאָוועטיש-יידישע שרייבערס, וואָס האָבן די לעצטע יאָרן עולה געווען קיין מדינת ישראל און האָבן שוין באַוויזן דאָרט אַרויסצוגעבן אַ גרויסע צאָל ווערק, וואָס זיי האָבן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד נישט געקאָנט פאַרעפנטלעכן און אויך נייע שאַפונגען, מיט וועלכע זיי האָבן באַרייכערט אונדזער יידישע ליטעראַטור. אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון ליטע, האָט מאיר יעלין אַ סך געשריבן וועגן חורבן פון ליטווישן יידנטום אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה. באַזונדער וויכטיק איז געווען זיין בייטראָג צום בוך וועגן זיין ברודער, דעם העלדישן פּאַרטיזאַנער-פירער פון קאָוונער געטאָ חיים יעלין, וועלכער איז אומגעקומען על קידוש השם.

מיט זיין איצטיקן בוך האָט מאיר יעלין, לויט מיר נאָך, דערגרייכט אַ נייעם שטאַפּל אין זיין ליטעראַרישן שאַפן. די טעמאַטיק איז די זעלבע: געטאָ, חורבן, געראַנגל פאַרן לעבן. אָבער די פּערסאָנאַזשן זענען אַנדערע, און אַן אַנדערע איז די טראַקטירונג פון דער טעמע, אָדער די קינסטלערישע ראַם אין וועלכער דער מחבר האָט זי איינגעפּאַסט.

אָסקאַר גריק איז אַ פולשטענדיק אַסימילירטער ייד און אַזאַ איז אויך זיין פרוי מאַרגי. אַנטלאָפענע פון עסטרייך נאָכן אַנשלוס פון דער מדינה צום דריטן רייך, הערן זיי נישט אויף זיך צו באַטראַכטן ווי דייטשן און אַלס אַזעלכע טראָגן זיי זיך אַרום איבער אייראָפּע ביז די האַנט פונעם הענקער דערגרייכט זיי ערגעץ אין אַ ליטוויש-פּוילישער שטאָט. אָט-אָט זיך געזאָלט ווידער לאָזן אין וועג אַריין, נאָר די דייטשן זענען געווען פלינקער — באַפאַלן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד און פאַרנומען די שטאָט, ווו אָסקאַר און מאַרגי האָבן זיך געפונען.

וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז דער געלויף האָט זיך געענדיקט, נישטאָ מער קיין אויסוועג, אָבער נישט פאַר אָסקאַר גריק, דעם ענערגישן, פול מיט איינפאַלן, אַסימילירטן ייד, וואָס איז אייגנטלעך אַ דאָפּלטער אַמאָק-לויפער, אַ פיל מער טראַגישער ווי יענער, פון סטעפאַן צווייגס באַרימטער נאָוועלע, וואָס ער דערמאָנט זיך, זיצנדיק אין די קעלערן פון געסטאַפּאָ. פון יענער ליידנשאַפטלעך-ווייפולער געשיכטע... ווייסט ער, אָסקאַר גריק, אַז דאָס אַמאָק-לויפעניש איז אַ מאַניע, אַ האַלוצינאַציע, אַ טראַנס אַזאַ. אין אַן איבערגעזעטיקטער לופט מיט טערפּקער דושנעקייט און הייסער שטיקעניש ווערט דער מענטש באַזעסן פונעם אַמאָק-טשאַד. עס דריקט, עס יאָגט, עס טרייבט ערגעץ דעם באַנומענעם מענטש, וואָס זוכט זיך צו ראַטעווען."

לויפט ער, אָסקאַר גריק און מיט אים זיין מאַרגי. ער לויפט פונעם היטלערישן מערדער און ער פּרוווט אויך אַנטלויפן פון זיך אַליין, פון זיין יידישן שטאַם. „מיר וועלן אין געטאָ נישט גיין!" —

---

דער פעטער האָט נישט דערלאָזט, צי וואָלט ער מיט טעמערלען נישט געווען קיין פּאַסיקער זיווג?

ניין, טראַכט ר' צלאל, מען טאָר זיך נישט מייאש זיין... דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זיין...

* * * * *

„ברוקלין" האָט אמונה! ס'איז אַ לעבעדיקער ווינקל פון דער נייער אַמעריקאַנער פרומער יידישקייט, וואָס לייזער טרייסטער האָט געוואָלט פאַראייביקן אין אַ צייטלעכן ראָמאַן.